לעי"נ הגה"ח ר' שמחה בונים ב"ר אליעזר ז"ל

# פְּנִינֵי קֹדֶשׁ

לאור תורתו של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

אידיש

בס"ד, שנה ב', גליון סב
פרשת בשלח - תשפ"ג לפ"ק

יוצא לאור על ידי מערכת "מסילות באור החסידות"
שע"י מכון אור הצפון דחסידי בעלזא

## א ווארט אויף די פרשה

### פארוואס זאלן די אידן וועלן צוריק גיין קיין מצרים?

**וַיְהִי בְּשַׁלַּח פַּרְעֹה אֶת הָעָם וְלֹא נָחָם אֱלֹקִים דֶּרֶךְ אֶרֶץ פְּלִשְׁתִּים כִּי קָרוֹב הוּא כִּי אָמַר אֱלֹקִים פֶּן יִנָּחֵם הָעָם בִּרְאֹתָם מִלְחָמָה וְשָׁבוּ מִצְרָיְמָה** (יג, יז).

מען דארף פארשטיין פארוואס שטייט **'ויהי** בשלח' וואס דאס איז א לשון פון **צער**? נאך איז שווער: פארוואס זאלן די אידן וועלן צוריק גיין קיין מצרים? זיי האבן דאך דארטן געארבעט ביטער שווער פאר די מצריים?

דער תירוץ איז, ווייל אין **'מכילתא'** שטייט: "אֵין שילוח בכל מקום אלא לוויה", דאס מיינט אז פרעה האט באגלייט די אידן מיט גרויס כבוד, אזויווי מען באגלייט חשוב'ע מענטשן. דער אייבישטער האט אבער געוואלט אז פרעה זאל ארויסלאזן די אידן געצוואונגענערהייט, קעגן זיין ווילן, אזוי וועלן שוין די אידן נישט האבן מיט איהם קיין שום שייכות; אבער פרעה מיט זיין גרויס רשעות האט יא באגלייט די אידן, כדי ער זאל נאך האבן מיט זיי א שטיקל שייכות, דערפאר שטייט "**ויהי** בשלח".

דערפאר זענען אויך געווען אידן וואס האבן געטראכט אז פרעה האט זיך געטוישט, און כאטש ווען זיי זענען געווען אין מצרים האבן זיי געדארפט ארבעטן פאר איהם בחומר ובלבנים, אבער נאכדעם וואס ער האט געכאפט אזעלכע גרויסע מכות האט ער זיך שוין געטוישט, אזויווי מיר זען אז ער האט זיי אפילו אזוי שיין באגלייט...; און דערפאר: "ולא נחם אלקים דרך ארץ פלשתים... פן ינחם העם בראותם מלחמה ושבו מצרימה", יעצט דארף מען מורא האבן אז זיי וועלן צוריק לויפן קיין מצרים.

(סעודה ב' תשלט)

### די אידן זענען צוגעקומען צו א הויכע מדריגה אין אמונה

**וַיִּסְעוּ מִסֻּכֹּת וַיַּחֲנוּ בְאֵתָם בִּקְצֵה הַמִּדְבָּר** (יג, כ).

עס זענען דא צוויי סארטן בחינות אין **אמונת ה'**: **א.** עס איז דא א פשוט'ע אמונה, אז א איד **ווייסט** און גלייבט אז דער אייבישטער האט באשאפן דער וועלט, ער פירט דער גאנצע וועלט, און אלעס וואס געשעט אויף דער וועלט קומט פון איהם; **ב.** און נאכדעם איז דא א העכערע מדריגה אין אמונה, אז א איד **פילט** שטענדיג אז עס איז דא א באשעפער אויפ'ן וועלט, ווי ער שטייט און ווי ער גייט **שפירט** ער ווי דער אייבישטער שטייט נעבן איהם און קוקט אויף איהם, אזויווי עס שטייט: "שויתי ה' לנגדי תמיד". דער אמונה ווערט אנגערופן **'אמת ואמונה'**, ווייל דאס איז אזא שטארקע אמונה, אז מען קען דאס קיינמאל נישט אפפרעגן, וויבאלד ער פילט ממש אז עס איז דא א באשעפער.

דער מצוה פון **'סוכה'** ווערט אנגערופן אין **זוהר הקדוש** (ח"ג קג.) 'צילא דמהימנותא', דער שאָטן פון אמונה, ווייל די מצוה פון סוכה איז קעגן דער פשוט'ע סארט אמונה, וואס איז אזויווי דער שאָטן פון די העכערע סארט אמונה. דער פסוק דערציילט אונז דא, אז נאך יציאת מצרים זענען די אידן ארויפגעגאנגען פון די פשוט'ע אמונה צו דער העכערע אמונה: **"ויסעו מסוכות"** - זיי זענען אוועקגעפארן פון 'סוכות' וואס איז קעגן דער פשוט'ע סארט אמונה, **"ויחנו באתם" -** זיי זענען אנגעקומען צו דער גרעסערע אמונה, 'אתם' איז די אותיות פון 'אמת', זיי זענען צוגעקומען צו דער מדריגה פון **שפירן** אויף יעדע טריט און שריט אז עס איז דא א באשעפער וואס פירט דער גאנצע וועלט.

(סעודה ג' תשנו)

### ווען מען עסט פשוט'ע ברויט קען מען אויך צוקומען צו ענווה

**וַיֹּאמְרוּ אִישׁ אֶל אָחִיו מָן הוּא כִּי לֹא יָדְעוּ מַה הוּא, וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֲלֵהֶם הוּא הַלֶּחֶם אֲשֶׁר נָתַן ה' לָכֶם לְאָכְלָה** (טז, טו).

אין **ספרים הקדושים** שטייט, אז דורך דעם וואס א מענטש עסט און טרינקט קען ער צוקומען צו **גאווה**, ווייל ער רעדט זיך איין אז אלעס וואס ער האט קומט פון זיינע אייגענע כוחות, אזויווי עס שטייט אין די תורה (דברים ח, יב-יד): "פֶּן תֹּאכַל וְשָׂבָעְתָּ... וּבְקָרְךָ וְצֹאנְךָ יִרְבְּיֻן וְכֶסֶף וְזָהָב יִרְבֶּה לָּךְ... וְרָם לְבָבֶךָ וְשָׁכַחְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ".

אבער ווען די אידן האבן באקומען די מָן פון הימל, האט דאך יעדער איינער געזען קלאָר אז דאס קומט נאר פון אייבערשטן, און דער אייבישטער שיקט איהם עסן כדי ער זאל האבן פון וואס צו לעבן, דעמאלטס זענען די אידן צוגעקומען דורך דעם צו **ענווה**. דערפאר האבן זיי געזאגט מיט וואונדער: **"מן הוא... מה הוא"** - 'מה' איז א לשון פון ענווה (אזויווי עס שטייט פריער [פסוק ז]: **"ונחנו מה"**), דער מאכל ברענגט אונז צו ענווה און שפלות, אז מיר זאלן זען און פארשטיין אז מיר זענען גארנישט מיט נישט, און אלעס וואס מיר האבן איז נאר פון אייבערשטן.

האט זיי משה רבינו געזאגט: **"הוא הלחם אשר נתן ה' לאכלה"** - נישט נאר דער רוחניות'דיגע מאכל וואס איר האט יעצט באקומען פון הימל קען צוברענגען צו ענווה, נאר אפילו פשוט'ע ברויט וואס דער מענטש האט דאס איינגעזייט און געשניטן און געבאקן, אויב ער געדענקט אז **"נתן ה' לאכלה"** - אלעס קומט פון דער אייבישטער, און ער רעדט זיך נישט איין אז ער מאכט אליינ'ס מיט זיינע כוחות, קען ער אויך צוקומען דורך דעם צו ענווה.

(סעודה ב' תשכט)

### דורך דער מן איז דער טיש געווען אזויווי א מזבח

**וַיִּקְרְאוּ בֵית יִשְׂרָאֵל אֶת שְׁמוֹ מָן וְהוּא כְּזֶרַע גַּד לָבָן וְטַעְמוֹ כְּצַפִּיחִת בִּדְבָשׁ** (טז, לא).

**חז"ל** לערנען אונז אז דורך צוויי זאכן ווערט דער טיש פון א מענטש גערעכנט אזויווי עס איז א מזבח, און זיין סעודה איז חשוב אזויווי א קרבן: **א.** דורך דעם וואס מען רעדט **דברי תורה** בשעת דער סעודה, אזויווי עס שטייט אין **פרקי-אבות** (פ"ג מ"ג), אז ווען אידן זיצן און עסן צוזאמען, און זיי רעדן דברי תורה ביים עסן, איז דאס אזויווי זיי האבן געגעסן אויפ'ן טיש פון אייבערשטן. **ב.** דורך דעם וואס ער געבט **צדקה** פאר ארימעלייט, אזויווי די **גמרא** (ברכות נה, א) זאגט אז ווען א מענטש איז מאריך אין זיין סעודה כדי די ארימעלייט זאלן קומען און ער זאל זיי קענען געבן צו עסן, ווערט זיין טיש גערעכנט אזויווי א מזבח.

דאס איז מרומז דא ביי דער מָן: **"והוא כזרע גד לבן"** - ג"ד איז די ראשי-תיבות פון ג'ומל ד'לים, ער געבט צו עסן פאר ארימעלייט; **"וטעמו כצפיחית בדבש"** - דאס איז א רמז אויף די תורה וואס איז מער זיס פון האניג, "מתוקים מדבש ונופת צופים". דער פסוק וויל אונז דערציילן, אז דער מָן איז געווען אזוי הייליג, אז מען האט נישט געדארפט מאכן די צוויי עצות - תורה אדער צדקה - כדי די סעודה זאל ווערן גערעכנט אזויווי א קרבן, ווייל דער קדושה פון דער מָן האט שוין געהאט דעם כח.

(סעודה ב' תשמז)

# א געדאנק
## אויף פרשת השבוע

### די אידן האבן שוין געזאגט שירה אויף דעם וואס זיי גייען באקומען די תורה

**אָז יָשִׁיר מֹשֶׁה וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַשִּׁירָה הַזֹּאת לַה' וגו', עָזִּי וְזִמְרָת יָהּ וַיְהִי לִי לִישׁוּעָה וגו'** (טו, א-ב).

עס איז באקאנט וואס דער **מדרש** (שמו"ר כג, ד) זאגט, אז די אבות הקדושים האבן נישט געזאגט קיין שירה, ביז די אידן זענען אריבער דעם ים סוף, און זיי זענען געווען די ערשטע וואס האבן געזאגט שירה, און דער מדרש ברענגט אויף דעם דער פסוק (משלי לא, כו): "פִּיהָ פָּתְחָה בְחָכְמָה וְתוֹרַת חֶסֶד עַל לְשׁוֹנָהּ". - לכאורה דארף מען פארשטיין: אין די מדרשים טרעפן מיר דאך יא אז די אבות האבן געזאגט שירה (עי' בר"ר כב, יג; מג ט; עד, יא)?, אויך דארף מען פארשטיין פארוואס ברענגט דער מדרש פונקט דער פסוק פון 'פיה פתחה בחכמה...'?

דער תירוץ איז, אז אוודאי האבן אויך די הייליגע אבות געזאגט שירה און געלויבט דער אייבישטער אויף די ניסים און גוטס וואס ער האט געטוהן מיט זיי אין יעדע צייט. אבער די אידן האבן דא געזאגט א **נייע סארט שירה**, אזויווי מיר זאגן ביים דאווענען: "שירה **חדשה** שבחו גאולים". - וואס איז געווען דער נייע סארט שירה?  די אידן האבן געדאנקט דעם אייבערשטן אויפ'ן **עתיד**; ווען די אידן האבן געזען דער גרויסע נס פון קריעת ים סוף, האבן זיי פארשטאנען אז דער נס איז געשען אין דער זכות פון דעם וואס זיי גייען מקבל זיין די תורה, אזויווי עס שטייט אין מדרש (מכילתא בפסוק 'והמים להם חומה') אז איז זכות פון די הייליגע תורה האט זיך דער ים געשפאלטן פאר די אידן. און ווען די אידן האבן געזען אז זיי גייען באקומען די תורה, האבן זיי שוין יעצט געזינגען שירה אויף דער גרויסע גוטס וואס דער אייבישטער גייט טוהן מיט זיי, אז ער גייט זיי געבן אזא הייליגע תורה, אזויווי זיי האבן געזאגט: **"עזי וזמרת קה"**, און דער מדרש (מכילתא) זאגט: "אין **'עזי'** אלא תורה", און אויך **'זמרת'** איז מרמז אויף די תורה, אזויווי עס שטייט אין תהלים (קיט, נד): "זמירות היו לי חוקיך בית מגורי". און אזא סארט געזאנג, א שירה אויפ'ן עתיד - אויף א זאך וואס מען האט נאכנישט באקומען, דאס איז נאך קיינמאל נישט געווען, ווייל די אבות פלעגן זאגן שירה און לויבן דער אייבישטער אויף ניסים און גוטס וואס ער האט שוין געטוהן מיט זיי, אבער די אידן האבן געדאנקט אויף די תורה נאך פאר זיי האבן איר באקומען!

דערפאר ברענגט דא דער מדרש דער פסוק פון "פיה פתחה בחכמה **ותורת חסד על לשונה**", צו ווייזן אז די אידן האבן דא געזאגט שירה אויף דער **חסד** און גוטס פון אייבערשטן וואס ער גייט זיי געבן די **תורה** ביים בארג סיני.

מיט דעם קען מען אויך פארשטיין נאך א **מדרש** וואס שטייט די וואך אין די פרשה (שמו"ר כג, ו). דער מדרש ברענגט אראפ א פסוק אין תהלים (נט, יז): "וַאֲנִי אָשִׁיר עֻזֶּךָ וַאֲרַנֵּן לַבֹּקֶר חַסְדֶּךָ", און דער מדרש טייטשט אזוי: "'**וַאֲנִי אָשִׁיר עֻזֶּךָ**', אֵימָתַי, בְּשָׁעָה שֶׁעָמְדוּ יִשְׂרָאֵל עַל הַיָּם וְאוֹמְרִים שִׁירָה, שֶׁנֶּאֱמַר: 'אָז יָשִׁיר מֹשֶׁה', וּמָה אָמְרוּ, 'עָזִּי וְזִמְרָת יָהּ'. '**וַאֲרַנֵּן לַבֹּקֶר חַסְדֶּךָ**', אוֹתוֹ הַבֹּקֶר שֶׁל מַתַּן תּוֹרָה". - דארף מען לכאורה פארשטיין, מיר טרעפן נישט אז בשעת מתן תורה האבן די אידן געזאגט שירה?  אבער לויט וואס מיר האבן גערעדט קען זיין אז דער מדרש מיינט צו זאגן, אז בשעת קריעת ים סוף האבן שוין די אידן געזינגען און געזאגט שירה אויף דעם וואס זיי גייען באקומען די הייליגע תורה!

(סעודה א' תשנג)

# סיפורי קודש
## לכבוד ט' שבט

צו דער **פריערדיגע רב זי"ע** איז אמאל געקומען א איד פון 'בעהמען' (א געגנט אין דייטשלאנד), און דער פריערדיגע רב האט זיך אינטערעסירט ביי איהם אויב עס וואוינען דארטן 'חסידים'. דער איד האט זיך זייער שטארק געוואונדערט אויף די שאלה, ווייל אין יענע געגנט האבן קיינמאל נישט געוואוינט קיין חסידים. האט איהם דער פריערדיגע רב ערקלערט, אז דאס וואס עס איז דא היינט ערליכע אידן וואס היטן תורה און מצוות - אויף וועלכע ארט עס זאל נאר זיין - איז אלעס נאר אין דער גרויסע כח פון דער הייליגע **בעל שם טוב זי"ע**, און ווען נישט דער בעל שם הקדוש וואלט חס ושלום נישט געווען היינט קיין ערליכע אידן (קומט אויס אז אלע ערליכע אידן זענען 'חסידים')...

אזוי אויך קען מען זאגן אויף דעם היינטיגן טאג **ט' שבט**, אז דאס וואס עס איז דא היינטיגע צייטן ערליכע אידן און ישיבות ווי מען לערנט תורה אין די גאנצע וועלט, אז אלעס אין דער זכות פון די הייליגע צדיקים וואס דער אייבישטער האט געהאלפן און זיי גראטעוועט פון די שרעקליכע מלחמה, כדי זיי זאלן צוריק אויפבויען דער נייע דור.

(ט' שבט תשלה)

*

ווען די הייליגע ברודער'ס זענען אנגעקומען קיין ארץ ישראל זענען זיי ערשט געווען אין דער שטאט חיפה, און דארטן האט מען שוין מכבד געווען דער בילגורייא'ער רב זי"ע צו זאגן דרשות אין עטליכע ישיבות. דער בילגורייא'ער רב האט דעמאלטס געזאגט א געוואלדיגע תורה אויפ'ן פרשה - פרשת בשלח, וואס האט ארויסגעברענגט די געפילן אין יענע צייט.

אויפ'ן פסוק "אז ישיר משה ובני ישראל את השירה הזאת לה'" זאגט רש"י: "מכאן רמז לתחיית המתים מן התורה" (ווייל "ישיר" איז א לשון עתיד). - לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס האט די תורה מרמז געווען דער ענין פון תחיית המתים פונקט אין דעם פסוק?  נאר רש"י ברענגט אויפ'ן פסוק "וחמושים עלו בני ישראל", אז פון מצרים זענען ארויסגעגאנגען נאר איינ'ס פון 5 אידן, און די איבריגע זענען געשטארבן ביי מכת חושך. נאכדעם וואס די אידן זענען אריבער דעם ים סוף, האבן דאך אלע אידן געדארפט זאגן 'שירה' מיט א גרויסע שמחה, אבער וויאזוי האבן זיי געקענט זאגן שירה מיט פרייד, אזויפיל אידן זענען דאך נעבעך געשטארבן אין מצרים, נאר זיי האבן זיך געשטארקט מיט דעם אז ווען עס וועט זיין תחיית המתים וועלן די אלע אידן אויפשטיין לעבעדיג, און דעמאלטס וועט זייער שירה זיין בשלימות מיט א אמת'ע שמחה. דערפאר שטייט: "אז ישיר" - היינט קענען מיר נאכנישט זאגן שירה מיט א גאנצע הארץ, אבער ביי תחיית המתים, וועט דער שירה זיין בשלימות, און ממילא קען מען שוין יעצט אויך זאגן שירה מיט א שמחה.

**און אזוי איז אויך אויף דער נס-הצלה פון ט' שבט, כאטש עס איז זייער א גרויסע שמחה, אבער עס זענען דאך נעבעך גע'הרג'עט געווארן אזויפיל אידן ביי דער מלחמה, און ווען משיח וועט קומען און אלע וועלן אויפשטיין ביי תחיית המתים, וועט דער שמחה זיין בשלימות.**

(שיחת קודש מנחם-אב תשנט)

*

ווען דער רב זכרונו לברכה און דער בילגורייא'ער רב זענען אנטלאפן פון פוילן קיין אונגארן אינמיטן די ביטערע מלחמה, זענען זיי ערשט אנגעקומען צו דער גרעניץ-שטאט **אונגוואר**. בשעת די מלחמה, האבן די אונגערישע אידן זייער מורא געהאט אריינצונעמען פרעמדע 'פליטים', צוליב זייער גרויסע פחד פון די רשעים, וואס האבן געווארנט אז ווער עס וועט אריינעמען מענטשן וואס זענען אנטלאפן פון פוילן וועלן שטרענג באשטראפט ווערן דערויף.

אנקומענדיג קיין אונגוואר, האבן זיי געפרעגט פאר עפעס א קינד צו ער ווייסט אפשר ווי עס וואוינט א בעלזא'ע חסיד, און ער האט זיי געוויזן. זיי זענען אריינגעגאנגען צו דעם שטוב פון דער חסיד, און מען האט איהם געזאגט: "נו, דער בעלזא'ער רב איז דא"... אזויווי זיי האבן דאך דעמאלטס נישט געהאט קיין בארד, האט דער חסיד אנגעהויבן צו זאגן: "א חוצפה פון פוילישע גוים, זיי באנוצן זיך מיט דער נאמען בעלזא", און וויפיל מען האט איהם פראבירט צו משכנע זיין, האט דאס נישט געהאלפן. ביז דער רב זכרונו לברכה האט אנגעהויבן צו זאגן א קאפיטל תהילים, און דעמאלטס האט דער חסיד דערקענט דער הייליגע קול און זיך געאיילט זיי צו אויפנעמען אזויווי עס פאסט...

(שם)

תודתינו והוקרתינו נתונה לידידינו שתרמו מהונם להצלחת הוצאת גליון זה

הרה"ח ר' **חנניה וועטענשטיין** שליט"א
מאנסי
לרגל שמחת נישואי בנו
החתן **שלמה מאיר** נ"ו
במז"ט ובשעטו"מ

המחתונים החשובים
הרה"ח ר' **יוסף יצחק גאנצפריעד** שליט"א
ברוקלין
לרגל שמחת נישואי בנו החתן **פנחס** נ"י
ומחותנו הרה"ח ר' **דוד** בר"י **שפירא** שליט"א
ברוקלין
לרגל שמחת נישואי בתו הכלה
במזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת

הרה"ח ר' **העניך האלבערשטאם** שליט"א
ברוקלין
לרגל שמחת אירוסי בתו
עב"ג החתן **דוב** נ"י
בהרה"ח ר' **הרשל אובערלענדער** שליט"א
אנטווערפען
במזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת

הרה"ח ר' **אלימלך האפשטיין** שליט"א
אנטווערפען
לרגל שמחת הבר מצווה
לבנו הבה"ח **מאיר נתן** נ"י
במזל טוב
ובשעה טובה ומוצלחת

הרה"ח ר' **מרדכי ווייס** שליט"א
ברוקלין
לרגל שמחת אירוסי בתו
עב"ג החתן **אביגדור** נ"י
בן הרה"ח ר' **הערשל פריעד** שליט"א
ברוקלין
במזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת